נ. בלומענטאַל

# היסטאָרישער ווערטער-בוך

## אַלטע ווערטער מיט אַ נייעם אינהאַלט

„ערזאַץ"

דאָס וואָרט „ערזאַץ" איז באַקאַנט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. מיט דעם וואָרט, האָבן די דייטשן באַצייכנט פאַרשידענע קינסטלעכע פּראָדוקטן, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרטרעטן די נאַטירלעכע, וועלכע האָבן אויסגעפעלט צוליב די מלחמה-געשעענישן. אַזוי למשל, האָבן די דייטשן זיך באַנוצט מיט קינסטלעכן ערזאַץ-האָניק, ערזאַץ-פּוטער א. א. וו.

אין דער היינטיקער מלחמה, זענען די דייטשן אַוועק אַ סך ווייטער. זיי זענען דערגאַנגען צו... ערזאַץ-מענטשן. אָט איז אַ דאָקומענט:

„ס. ס. הויפּטאַמט-פאַרוואַלטונג הויפּטאַמט. אַמטס-גרופּע ד. קאָנצענטראַציע - לאַגער. אָרגאַניזאַציע ביי בערלין, 5. 10. 1941

דער ענין איז נוגע: יידישע ארעסטאַנטן.

צום קאָמענדאַנט פון קאָנצענטראַציע - לאַגער אַשוויענטשים.

די יידישע אַרעסטאַנטן, וואָס געפינען זיך נאָך אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציע-לאַגערן, אויפן געביט פון רייך, מוזן אַריבערגעפירט ווערן קיין אַשוויענטשים. עס האַנדלט זיך אין אַן ערך 1,600 מענטשן. אַזוי אַרום וועלן די קאָנצענטראַציע-לאַגערן, פון דייטשן רייך ווערן יידן-ריין. ווי אַן ערזאַץ (Ersatz) גריסיקן מיר זיך אין פּאָלאַקן, אוקראַינער אָדער אַנדערע אַרעסטאַנטן.

דער שעף פון אַמט ד. 2

ס. ס. אָבערשטורמפירער (או.-טערשריפט גיטש לייענבאַר)

„יודענאַכלאַסס"

יידישע ירושה. אַזוי האָבן די דייטשן אָנגערופן דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן הפקר נאָך אַן אַקציע אָדער „אויס-זידלונג". דאָס דאָזיקע און ענלעכע ווערטער („יודענבעזיץ"-יידיש פאַרמעגן א. אנד.) געפינט מען זייער אָפט אין פאַרשידענע אָפיציעלע דאָקומענטן. למשל:

„וואַפן-ס. ס.,—און פּאָליציי—געריכט VI. קראָקע 1942, דעם 17.9. דער ענין איז נוגע גניטיקע קעגנ-שטאַנדן פון דער יידישער ירושה."

דערנאָך גייט אַ גאַנצע רשימה פון פאַרשידענע שטוב-זאַכן, וואָס מען בעט אַרויסצושיקן. מיט אַזעלכע בקשות ווענן געגיסן פון יידישער ירושה ווענדן זיך קיין לובלין ס. ס.-אָפּטיילונגען א. א. פון ווין, בערלין און אַנדערע שטעט. אין מלוכה-אַרכיוו פון מיידאַנעק געפינט זיך אַן אינווענטאַר-בוך פון פאַרשידענע (העכער הונדערט סאָרטן) מלבושים, וואָס שטאַמען פון „יידישן בעזיץ", עקסטרע-קווישאַנציעס אין אַ גרעסערער צאָל גיבן גאַנץ קלאָרע ידיעות, ווער עס האָט פון דעם „נאַכלאַס" גענאָסן. —

„קינדערערפאַסונג"

עס האָט אין וואַרשע בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע עקזיסטירט אַן עפנטלעכער אַמט א. ג. „ווערט-ערפאַסונג", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט „אויפזוכן" — זאַמלען, רעגיסטרירן און... אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד זאַכן, וואָס זענען געבליבן נאָכן „אַרויספירן" די יידן. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט אין אַנדערע שטעט געהאַט אַן אַנדערן נאָמען. בכלל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די דייטשן פלעגן זיך באַנוצן מיט אַ שלל פון ווערטער אויף צו באַצייכנען איין און דיזעלביקע זאַך. אין לאָדזש למשל, האָט די אייגענע אַרבעט פון דער „ווערט-ערפאַסונג" געפירט די „אויפרוימונגס-קאָמאַנדאַ"... אָבער נעבן די דאָזיקע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט טויטע זאַכן, האָבן אויך עקזיסטירט אַנדערע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט „ערפאַסן" (שווער אָדער גאָר אוממעגלעך איז איבערגעבן דאָס וואָרט אין אַן אַנדער שפּראַך). מענטשן דער-וואַקסענע און אפילו... קינדער. אָט איז אַ דאָקומענט (כ'איבערזעץ פון דייטש):

„יאַנאָוו לובעלסקי, 9 מאַי 1942.

צום ס. ס. און פּאָליציי-פירער, לובלין.

כ'בעט פון פאָלגנדיקע ערטער אויסצוזידלען די יידן:

ראַדאָמיסל, 500. מאָדליבאָזשיצע, 1000.

זאַקליקאָוו, 1,500. זאַקשאָוועק, 500.

אַננאָפּאָל, 500. יאַנאָוו לובעלסקי, 400.

צוראַנאָוו 1, 500. קראַשניק, 1000.

גאָר אַזוי ווי עס איז פאַראַן זייער אַ קליינע צאָל זשאַנדאַרמעריע-קרעפטן, מוז אויך צוגעשטעלט ווערן אַן אָפּטיילונג ס. ס. און אַזוי ווי צו די דאָזיקע אַקציעס זענען נייטיק פורן, מוז מען לכל הפחות מיט אַ וואָך פריער אַרומרעדן ווי אַזוי די זאַך אַדורכצופירן.

פון די אויסזידלונגס-אַקציעס דאַרף מען ערפאַסטען נאָר אַלטע, אַרבעטס-אוממעגיקע פרויען און קינדער און אַזעלכע מענער, וואָס אַרבעטן נישט אויף דייטשע שטע-לעס. האַנטווערקער וואָלטן געקאָנט לכל הדעות לעת-עתה נאָך דאָ בלייבן. איך וועל דעם ענין בפרוטרוט אַרומרעדן מיט אייער באַפולמעכטיקטן.

וו. א. פאַרטרעטער — לענק."

מאַי 1942 — די צייט, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו בליען די אינדוסטריע אויף מיי-דאַנעק.

ענלעכע רשימות זענען אויך צוגעשטעלט געוואָרן צום ס. ס. און פּאָליציי-פירער גענ. מאַיאָר גלאָבאָצניק פון אַנדערע קרייז-שטעט פון לובלינער דיסטריקט, קלאָר פון וואַנען עס איז געגאַנגען די אינסטרוקציע.

„מוזעל ווייבער"

„מוזעל פרויען", ווי עס פלעגן זאָגן די יידן „אַמטלעך" אין אַשוויענטשים, ביורקענאַו — „הויט און ביינער" ווי זיי האָבן דאָס באַצייכנט אויף פּראָסט יידיש. דאָס זענען פרויען באַ-שטימטע פאַר דער קרעמאַטאָריע. דאָס וואָרט געפינט זיך אויך אין די אַמטלעכע דייטשע דאָקומענטן, אין די רשימות פון די אַרבעטס-פעיקע און נישט פעיקע ווייבער; למשל:—

„די צו אַרבעט באַשטימטע ביבלפאָרשערינס פון 7 מאַי 1943.

| באַשעפטיקונגס-אָרט | צאָל | |
|---|---|---|
| אַרבעטספעיקע | 86 | |
| „שאָנונג" (לאַזאַרעט) | 1 | |
| קראַנק | 12 | צו אַלט, מוזעל ווייבער |
| די אַלגעמיינע צאָל פון ביבלפאָרשערינס | 99 | |

אַזעלכע מעלדונגען פלעגן צוגעשטעלט ווערן יעדן טאָג. אָרדנונג מוז זיין!